ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office





כ"ג אדר א' תשס"ה

פרשת ויקהל

טייערע קינדער שלוחים,
א גוטן ערב שבת. דעם שבת איז שבת מברכים חודש אדר ב'. חדש אדר א' איז געווען א פרייליכע צייט, און אדר ב' איז נאכמער אנגעפילט מיט שמחה!! דער רבי האט גערעדט וועגן טאנצן אין חדש אדר אלס א וועג צו ברענגען שמחה. וואס איז דער ענין פון טאנצן? טאנצן איז ווען דער פוס רוקט זיך. דאס מיינט, ניט נאר די וואס האבן א קלארע פארשטאנד אדער די וואס האבן א שכל'דיקע סיבה צו פרייען זיך זיינען פרייליך, נאר אלע וואס האבן צוויי פיס קענען טאנצן און פילן די שמחה! דער אויבערשטער זאל אונז געבן א סך סיבות צו זיין פרייליך און בעיקר די גאולה האמיתית והשלימה נאו!!
איידלה וועכטער

## דערציייל מיר א מעשה

עס איז געווען צוויי אזייגער אינדערפרי און ר' בוימגארטן איז צוריקגעקומען פון א שבתון וואס ער האט געמאכט פאר סטודענטן אין מערילאנד. ער האט באשלאסן גיין אין 770 און זען דער רבי איידער ער וועט אהיים גיין מיט זיין ווייב. ווען ער איז אנגעקומען אין 770, האט דער רבי ערשט געענדיקט מיט יחידות און ר' בוימגארטן האט באשלאסן ווארטן אין זאל צו זעהן דער רבי ווי דער רבי גייט ארויס פון 770.

ווען דער רבי האט אים געזען, האט אים דער רבי געגעבן א גרויסע שמייכל.

"א גרויסן יישר כח!" האט ר' חאדאקוב געזאגט צו ר' בוימגארטן.

"דורך דער גאנצע וואך, איז דער רבי געווען זייער ערנסט. אפילו ביים פארברענגען, האט דער רבי ניט געשמייכלט – נאך געמאנט פון חסידים פארוואס זיי טוהן ניט מער אין הפצת המעיינות חוצה. דאס איז דער ערשטן מאל דורכן גאנצן וואך וואס דער רבי האט געשמייכלט!!"

*געוויסע קירובים פון דער רבי זיינען נאר פאר די וואס טוען זיין הייליקן שליחות!!*

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת ויקהל

נדבת המשכן

אונזערע חכמים דערציילן, אז בשעת מ'האט געבראכט די נדבות אויף בויען דעם משכן, האבן אויך די קינדער וואס זיינען געווען פאר בר–מצוה און פאר בת–מצוה זיך באטייליקט אין דעם.

פונקט ווי די קינדער האבן זיך באטייליקט אין אלע זאכן פארבונדן מיטן אויבערשטן נאך זייענדיק אין מצרים, ביז, ווי די חז"ל זאגן, "הם הכירוהו תחילה" (די אידישע קינדער האבן דערקענט דעם אויבערשטן פריער, נאך פאר אלע ערוואקסענע) - איז פארשטאנדיק, אז אויך אין די אלע צוגרייטונגען צום משכן, האבן די קינדער גענומען אייטנייל, א ווארעמען אייטנייל, און א לעבעדיקן אייטנייל.

די אפלערנונג דערפון פאר אונז:

אידן דארפן זיך גרייטן, נאך זייענדיק אין גלות, צו דעם בנין פון בית המקדש השלישי, וואס וועט געבויט ווערן ארויסגייענדיק פון דעם גלות.

און די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם, וואס נאך אין דער צייט פון גלות וועלן די עלטערן און די קינדער מאכן פון זייערע אייגענע היים - א היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאגט "ושכנתי בתוכם", ער רוט אין דער היים, וויבאלד דאס איז א היים וואס פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, ס'איז אן אמת אידישע היים.

און כאטש דאס איז אפהענגיק פון דער אויפפירונג

*(המשך אין עמוד 2)*

# דעם חסידיש'ן לוח

## כ"ז אדר א' תשנ"ב



עס איז געווען מאנטיג כ"ז אדר א'.

דער רבי איז ווי יעדן מאנטיג און דאנערשטיג אין יענע טעג, געפארן צום אהל פון דער פריערדיקע רבי. אלץ איז געווען ווי געווײנטלאך. אין די לעצטע וואכן האט זיך דער רבי זייער געקאכט אין ברענגען די גאולה און אין דעם וואס יעדער מענטש מוז טאן וואס ער קען אויף צו ברענגען די גאולה. עס איז געווען חדש אדר און די חיות האט מען געקענט אנטאפן מיט די הענט..

און פלוצלונג האט מען געהערט די שמועות ארום דער גאנצער וועלט. **דער רבי איז געפאלן אין אהל!!** מען האט ניט גלייך פארשטאנען פונקט וואס איז געשען, אבער עס האט ניט גענומען לאנג ביז מען האט געהערט אז דער רבי האט געהאט א "סטראק"!!

קיינער האט ניט געוואלט גלייבן. דער רבי מוז זיין געזונט און שטארק, און מיר ווילן ממשיך זיין הערן זיינע פארברייינגען'ס און קריגען פון עם דאלארן!! וואס וועלן חסידים טאן? די פריילעכע טעג פון אדר האבן זיך געביטן צו שווארצע, שווערע טעג.

חסידים זיינען געווען זיכער אז אט אט יעדן טאג וועט דער רבי צוריקומען צו זיין געזונט און אונז פירן ווי פריער. אבער ווי מען האט געזען האט דער אויבערשטער באשלאסן פירן דעם וועלט אין אן אנדערן אופן.

פון כ"ז אדר א' תשנ"ב ביז ג' תמוז תשנ"ד, האט מען נאר געזעהן דער רבי אויפן באלקאן. אין ספעציעלע צייטן, איז מען דורכגעגאנגען דער רבי און דער רבי האט אנגעקוקט מיט זיין הייליקע בליק, אבער חסידות און פארברענגענס האט מען ניט געהערט. חסידים יעצט אין דור השביעי ווארטן מיט שטארקע אמונה אויף די טעג ווען די אלע הבטחות פון דער רבי וועלן מקויים ווערן.

*וואס דארפען חסידים, און בעיקר די טייערע שלוחים, טאן אין אונזער צייט?* דער רבי שרייבט וועגן דער פריערדיקע רבי, אז ווען ער איז נסתלק און מען האט שוין ניט געהערט פון אים חסידות, דארפן מיר, זיינע חסידים, זיין זיינע הענט, פיס און זיין מויל. די חסידים מוזן ווייטער שפרייטן חסידות ווי דער רבי האט אלעמאל געטאן אין א גשמיות'דיקן אופן. דער רבי האט קלאר איבערגעגעבן צו חסידים דעם זכות און אחריות פון טאן זיין הייליקע ארבעט.

און דוקא אין אזא צייט ווען דער אויבערשטער האט אפגעשטעלט דער רבי'ס גשמיותדיקן זאגן פון חסידות מוזן חסידים שטארקן זיך נאך מער אין דער רבי'ס הייליקע ארבעט פון הפצת המעינות. ביז מיר וועלן זוכה זיין צו "והיו עיניך רואות את מוריך" -מיר וועלן נאכאמאל זען אונזער רבי מיט די גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

פון אלע בני בית (פון דער גאנצער משפחה), איז אבער גאר ספעציעל דאס פארבונדן מיט קינדער, וואס זיי זאגן " זה א-לי ואנוהו" (אט דאס איז מיין אויבערשטער און איך מאך (פאר) אים שיין). זיי פילן אז זיי זיינען פארבונדן מיטן אויבערשטן און זיי ווילן מאכן אז דער "ושכנתי בתוכם" זאל זיין שיין אין אלע היניזיכטן - ובמילא טוען זיי אלץ וואס הענגט אפ פון זיי אז דאס זאל אראפקומען לפועל.

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאנצער משפחה, איז אין אן אופן אז זיי מאכן פון זייער הויז א משכן, אז אויף דער הויז זאגט דער אויבערשטער "ושכנתי בתוכם" - ווערט דאס די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער -ר"ח ניסן תש"מ)*

## משיח נאו!

אין א שיחה פון שבת פרשת וישלח תשמ"א, האט דער רבי געזאגט אז ווען יעקב האט געטראפן עשו האט ער געזאגט אז "הילדים רכים" - די קינדער זיינען שוואך, און דערפאר קען ער ניט גיין מיט עשו.

דער רבי האט ערקלערט אז יעקב האט געוואוסט אז עס איז נאך ניט די צייט פון גאולה ווען ער מיט עשו וועלן גיין צוזאמען. און די סיבה איז געווען ווייל די קינדער זיינען געווען שוואך, זיי זיינען נאך ניט געווען גרייט אויף דער גאולה.

אבער דער רבי זאגט ווייטער,

"וואס דערפאר איז איצטער, אין די לעצטע רגעים פון גלות וואס אט קומט משיח צדקנו - זיינען די קינדער וואס זיינען פריער געווען "רכים", איצטער ניט "רכים" און זיי ווארטן אויף משיח'ן מיט א תשוקה גדולה. און ניט נאר זיי ווארטן אויף אים, נאר זיי **מאנען** אז ער זאל שוין קומען, און זיי שרייען דאס און זינגען דאס מיט א שמחה גדולה."

איז א זיכערע זאך אז אבינו שבשמים וועט זיי ארויסנעמען פון דעם גלות און זיי ברענגען אין דער גאולה האמיתית והשלימה...

ובזכותם אויך ארויסנעמען "זקנינו" (די עלטערע)...

און אלע צוזאמען גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו!!

*און בהמשך צו דעם האט דער רבי' אנגעהויבן זינגען "ווי וואנט משיח נאו!"*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ח אדר א', און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת ויקהל

1. וואס האט דער רבי געזאגט צו טאן צו ברענגען שמחה? ____________________

____________________________________________

2. פארוואס? ____________________

3. וועגן וואס רעדט זיך אין אונזער פרשה? ____________________

4. וואס איז די הוראה פאר יעדער אידישן קינד? ____________________

5. וואס איז געשען אויף כ"ז אדר? ____________________

6. וואס האט דער רבי געהייסן טאן נאכן הסתלקות פון דער פריערדיקע רבי? ____________________

7. וואס קענסטו טאן צוליב דעם? ____________________

8. וואס האט יעקב געזאגט פאר עשו? ____________________

9. וואס האט דער רבי געזאגט איז אנדערש יעצט? ____________________

10. וואס דארפן מיר טאן צוליב דעם? ____________________

נאמען: ____________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ____________________

אי-מייעל: ____________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org